בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה

דֶער קוּנְטְרֵס גֶעבְּט עֵצוֹת און חִיזוּק ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פִירְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה מִיט שִׂמְחָה און גֶעשְׁמַאק, און שֶׁעפְּן פוּן זֵיי אַסאך אִידִישׁ נַחַת.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "חֲתוּנָה יָפָה" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַריין דִי הֵיילִיגֶע און רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נְיוּ יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

# אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה

## א

### חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ע"ו:) "הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה', כ"ד) וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ". וֶוער עֶס צִיט אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה פְּרִי אוּן בַּאצַייטְנְס, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ

זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם אוּן פְרִידְן אִין זַיין הוֹיז.

מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין זַייעֶר אַ שְׁוֶועֶרעֶר דוֹר. וֶוער ס'הָאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, עֶר לֵייגְט צוּ אַבִּיסְל הַארְץ אוּן קוּקְט גוּט, זֶעט עֶר אוּן פַארְשְׁטֵייט וִוי עֶס קוּמְט אַרַיין אַלְץ מֶער הֶפְקֵירוּת אוּן פְּרִיצוּת אִין דִי יוּגְנְט, פִּילֶע קִינְדֶער פַאלְן לֵייְדֶער אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג, טֵייל אָפֶּענֶערְהֵייט אוּן טֵייל בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער גוֹרָל פוּן דִי קִינְדֶער לִיגְט אָבֶּער אִין דִי הֶענְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי קֶענֶען דָאס פַארְמַיידְן, דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען הַאלְטְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זֵיי מַאכְן חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט.

פַאר עֶלְטֶערְן אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי

שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דִי יוּגֶנְט גֵייט אַרִיבֶּער, זֵיי בַּאגְרֵייפְן נִישְׁט וִויפִיל דִי קִינְדֶער לַיידְן, אוּן דֶערְפַאר וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט פַּארְוָואס מְ׳דַארְף זִיךְ אַזוֹי יָאגְן, פַּארְוָואס דַארְף מֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי יוּנְג. אָבֶּער אִינְצְוִוישְׁן בַּאמֶערְקְן זֵיי נִישְׁט וָואס דִי קִינְדֶער טוּעֶן אַלְץ אָפּ פוּן הוּנְטֶער זֵייעֶר רוּקְן, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִויפִיל עֲבֵירוֹת דִי קִינְדֶער טוּעֶן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן גְרוֹיסֶע מְחוּצָפִים, וַוייל דִי שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת פַארְבְּרֶענֶען דֶעם מֹחַ אוּן נֶעמֶען צוּ דֶעם שֵׂכֶל, דִי עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט אוּן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין טְרָאפּ דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער דָאס אַלֶעס וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט פַּארְעֶכְטְן דוּרְכְ׳ן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, טְרֶעפְן פַּאר זֵיי אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן וִוי שְׁנֶעלֶער.

די קִינְדֶער שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת אִין פָּנִים אַרַיין פַאר דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵיי ווילְן שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְן, עֶס פַּאסְט נִישְׁט דָאס צוּ זָאגְן אַזוֹי אָפְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט אַלֵיין, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס אַזוֹי סַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְן דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל אוּן זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וִוי יוּנְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער, דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן אָפְּהִיטְן דִי קִינְדֶער פוּן דִי פִילֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס בּוּזְשֶׁעוֶועט אוֹיף דִי גַאסְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן דַאן קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אוּן מְ׳וֶועט זֶען פוּן זֵיי פִיל אִידִישׁ נַחַת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִדּוּשִׁין כ״ט:) אַז רַב חִסְדָּא הָאט גֶערֶעדְט מִיט רַב הוּנָא אוּן הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט רַב הַמְנוּנָא אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ,

הָאט רַב הוּנָא אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען רַב הַמְנוּנָא וֶועט קוּמֶען אַמָאל צוּ אִים, זָאל עֶר אִים אַהֶערְבְּרֶענְגֶען, וַוייל עֶר ווִיל רֶעדְן מִיט אִים.

רַב חִסְדָּא הָאט אִים טַאקֶע גֶעבְּרֶענְגְט צוּ רַב הוּנָא, און רַב הוּנָא הָאט גֶעזֶען אַז רַב הַמְנוּנָא גֵייט נִישְׁט מִיט קַיין טַלִית, הָאט עֶר אִים גֶעפְּרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט רַב הוּנָא אַוֶועקְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוּיף אִים, און הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל אִים נִישְׁט זֶען בִּיז וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה. וַוייל רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר און עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט עֶר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָארְט אוּיף דֶעם, "בִּיז דִי צְוָואנְצִיג יָאר זִיצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און וַוארְט אַז

דֶער מֶענְטְשׁ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער אָן דִי צְוָואנְצִיג יָאר אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, שֶׁעלְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן פְּלַאצְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן דָארְט וַוייטֶער אַז רַב חִסְדָּא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט: ״דָאס וָואס אִיךְ בִּין גְרֶעסֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען פוּן זֵיי, אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר. אוּן וֶוען אִיךְ וָואלְט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר, וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען נָאךְ גְרֶעסֶער, אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט רֵייצְן מִיטְ׳ן יֵצֶר הָרַע, אִיךְ וָואלְט בִּכְלַל נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים״. זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק חָשׁוּב סְ׳אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז מְ׳זָאל חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט,

וָואסֶערֶע טוֹבָה עֶס אִיז פַאר דִי קִינְדֶער, וִוי גוּט עֶס אִיז פַאר זֵיי, וֶוען מֶען מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה וִוי שְׁנֶעלֶער.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן אִין אוּנְזֶערֶע שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת, וֶוען דֶער מַצָּב וֶוערְט שְׁוֶוערֶער פוּן טָאג צוּ טָאג, דִי גַאס אִיז דָאךְ אַזוֹי נִידְרִיג, אִיבֶּערָאל אִיז פוּל מִיט אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ אוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן לֵיידֶער קֶענֶען דִי קִינְדֶער אַזוֹי גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, נִישְׁט אוּמְזִיסְט פַאלְן אַזוֹיפִיל קִינְדֶער לֵיידֶער אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, טְרַאכְט נָאר אַרַיין אַבִּיסְל טִיפֶער, נוּצְט אַבִּיסְל אֵייעֶר שֵׂכֶל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעשָׁאנְקֶען טֵייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע זִין אוּן טֶעכְטֶער, אִיר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט זֵיי אוֹיפְצוּצִיעֶן פַאר אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן, סְ׳אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג אוֹיפְצוּהָאדֶעוֶוען

# אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה

קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אוּנְטֶערְגֶעוָואקְסְן אוּן ס'אִיז שׁוֹין צַייט זַיין חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, הַאלְט אִיר זִיךְ צוּרִיק דֶערְפוּן, בְּלוֹיז צוּלִיבּ נַארִישֶׁע חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן כָּבוֹד אוּן גֶעלְט ? ! יֶעצְט אִיז דָאךְ דִי צַייט וָואס אִיר קֶענְט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁעפְּן אַבִּיסְל נַחַת פוּן זֵיי, ווילְט אִיר דֶען זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן ? ! אִיר וֶועט דָאךְ שְׁפֶּעטֶער בַּאוֵויינֶען אַייעֶרֶע יָארְן אוּן טֶעג פַּארְוָואס אִיר הָאט זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט בַּאצַייטְנְס.

הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער וִוי יוּנְגֶער אוּן וִוי שְׁנֶעלֶער, וֶועט אִיר זֶען וִויפִיל נַחַת זֵיי וֶועלְן אַייךְ בְּרֶענְגֶען, עֶס וֶועט זִיךְ הָאבְּן גֶעלוֹינְט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן מִיט וָואס אִיר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זֵיי אַלֶע יָארְן.

אין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר, סִימָן א׳, סָעִיף ג׳) װערט גע׳פַּסְקֶ׳נְט "מִצְוָה עַל כָּל אָדָם, שֶׁיִשָּׂא אִשָּׁה בֶּן י״ח, וְהַמַּקְדִּים לִישָּׂא אִשָּׁה, מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר", יעדער איד האט א מִצְוָה חֲתוּנָה צו האבן ביי די אכצן יאר, און װער ס׳האט חֲתוּנָה נאך פריער, איז עס א גרעסערע מִצְוָה. מ׳זעט אז מענטשן זענען מְדַקְדֵק מְקַיֵּים צו זיין יעדע הֲלָכָה אין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, װען עס קומט אבער צו די הֲלָכָה, זענען ליידער דא אסאך מענטשן װאס זענען מְזַלְזֵל אין דעם, זיי יאגן זיך בִּכְלַל נישט חֲתוּנָה צו מאכן די קינדער, און ליידער ליידן זיי נאכדעם זייער אסאך פון דעם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאגן (פְּסָחִים קי״ב:), "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים". װער עס װיל האבן נַחַת פון זיינע קינדער, זאל נישט קוקן אויף װאס מענטשן װעלן זאגן און רעדן, ער זאל נאר קוקן אויף

זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה און אויף די טוֹבָה פון זַיינֶע קִינְדֶער, און זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן ווי פְרִיעֶר, אַז זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן נָאר הָאבְּן רֵיינֶע און הֵיילִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, און אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זַיין אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן, און בְּרֶענְגֶען פִיל אִידִישׁ נַחַת פַאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ב:), **"כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה, שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא בְרָכָה, בְּלֹא שָׁלוֹם"**, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, קַיין גוּטְס, קַיין בְּרָכָה, און קַיין שָׁלוֹם. אויבּ ווִילְט אִיר אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן יָא הָאבְּן די אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, דַארְפְט אִיר זֶען זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן ווי פְרִיעֶר.

טְרַאכְט נִישְׁט אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ צוּ יוּנְג, זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶענוּג עֶרְוַואקְסְן, זֵיי הָאבְּן נָאךְ צַייט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וואוּ זִיךְ צוּ יָאגְן, וַוייל מ'טָאר זִיךְ

נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מְ׳דַארְף זִיךְ גוּט אַרוּמְקוּקְן אוּן זֶען וִוי אַזוֹי דֶער דוֹר זֶעט הַיינְט אוֹיס, אוּן אוֹיבּ וֶוערְט שְׁפֶּעט, קֶען עֶס שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען זִיךְ רַייסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ אוּן גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מְ׳זָאל חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער זֵייעֶר יוּנְג. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, ״וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט אַיינְפִירְן אִין דִי וֶועלְט אַז מְ׳זָאל מַאכְן הַיינְט אַ שִׁידוּךְ אוּן מָארְגְן דִי חֲתוּנָה, אוּן דִי כַּלָה זָאל מֶען צוּגְרֵייטְן זִיבְּן טֶעג פְרִיעֶר, וָואלְט אִיךְ עֶס אַיינְגֶעפִירְט; וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז מְ׳הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס״. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם וָואס מְ׳צִיעֶט אוֹיס אַזַא לַאנְגֶע צַייט צְוִוישְׁן דֶעם שִׁידוּךְ אוּן דִי חֲתוּנָה, וִוי

ס׳איז הַיינְט אַיינְגֶעפִירְט, נָאר ווי פְרִיעֶר מְ׳קֶען חֲתוּנָה מַאכְן די קִינְדֶער, אַלְץ בֶּעסֶער וֶועט עֶס זַיין פַאר יֶעדְן.

## ב

## ס׳פֶּעלְט נִישְׁט אויס קַיין טֵייעֶרֶע חֲתוּנוֹת

עֶס אִיז הַיינְט אַיינְגֶעפִירְט אַז אַ חֲתוּנָה קָאסְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען אַסַאךְ כָּבוֹד וֶוען זֵיי וֶועלְן מַאכְן אַ טֵייעֶרֶע חֲתוּנָה, זֵיי מֵיינֶען אַז מְ׳וֶועט זֵיי אַרוֹיפְקוּקְן וֶוען מְ׳וֶועט זֶען וָואסֶערֶע פְּרַאכְטְפוּלֶע חֲתוּנָה נַאכְט זֵיי הָאבְן אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, מְ׳נֶעמְט אַ טֵייעֶרֶע זַאל, מִיט פִילֶע טֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע מַאֲכָלִים, און אַזוֹי וַוייטֶער, וָואס צוּם סוֹף גֵייט רוֹב דֶערְפוּן אִין דִי מִיסְט אַרַיין.

מְ׳אִינְוֶועסְטִירְט שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער אִין טֵייעֶרֶע בְּלוּמֶען, וָואס בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה וֶוערְט עֶס פַארְטְרוּקֶנְט

און מְ׳וַואַרְפְט עֶס אַרוֹיס, און אַזוֹי וַוייטֶער צָאלְט מֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט פַאר אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקֵייטְן און זַייטִיגֶע זַאכְן, און אַלְץ מִיטְ׳ן צִיל אַז אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל אַיינְגֶערֶעדְטֶע כָּבוֹד, און מְ׳שְׁפִּירְט זִיךְ נָאךְ גוּט נָאכְדֶעם אַז סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה.

וָואס פַּאסִירְט אָבֶער צוּם סוֹף? דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט דָאס גֶעלְט דָאס צוּ בַּאצָאלְן, פַּאלְט מֶען אַרַיין אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת, און פַּאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים און יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִיז מֶען נָאךְ פַארְנוּמֶען מִיטְ׳ן צָאלְן דִי חוֹבוֹת וָואס מְ׳הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר דִי בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה, וָואס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת פוּן מְחוּתָּנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהֵייבְּן דֶעם שְׁוֶוערְן לַאסְט פוּן חוֹבוֹת, זֵיי הָאבְּן מַמָּשׁ אוּנְטֶערְגֶעבְרָאכְן און

קְרַאנְק גֶעוָוארְן, גֶעכַאפְּט הַארְץ אַטַאקֶעס לַא עָלֵינוּ. אִיז דָאס דֶען אַ שײנֶע חֲתוּנָה?! פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען אוֹיסְקוּקְן וִוי אַלֶעס קְלַאפְּט, אַלֶעס אִיז אַזוֹי הֶערְלִיךְ אַהֶערְגֶעשְטֶעלְט, אָבֶער אַז דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען דָאס נִישְט בַּאצָאלְן, זֵיי וֶוערְן קְרַאנְק דֶערְפוּן, וָואס אִיז וֶוערְד דִי גַאנְצֶע זַאךְ?

דָאס גֵייט אָבֶער נָאךְ וַוייטֶער, פִּילֶע עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ אַז אַזוֹי וִוי חֲתוּנָה מַאכְן קָאסְט אַזוֹי טֵייעֶר, אוּן זֵיי וֵוייסְן דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז זֵיי הָאבְן נִישְט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען דָאס גֶעלְט, דֶערְפַאר הַאלְטְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק פוּן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער. זֵיי קֶענֶען זָאגְן דֶעם תֵּירוּץ אוּן יֶענֶעם תֵּירוּץ פַארְוָואס זֵיי וִוילְן נָאכְנִישְט חֲתוּנָה מַאכְן, אָבֶער טִיף אִין הַארְץ אִיז דֶער פָּשוּטֶער אֱמֶת אַז זֵיי הָאבְן נִישְט דָאס גֶעלְט פַאר דִי חֲתוּנָה.

און דֶערוַוייל לַיידְן נֶעבֶּעךְ דִי קִינְדֶער, פוּן הוּנְטֶערְ׳ן רוּקְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, וָואס ס׳לוֹינְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי צוּ זִינְדִיגְן קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען עֶלְטֶערְן הָאבְּן וֶוען שֵׂכֶל, וָואלְטְן זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער וִוי יוּנְגֶער און וִוי שְׁנֶעלֶער, און טַאקֶע בְּלוֹיז מִיט דֶעם אֵיינֶעם צִיל צוּ רַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, און דַאן וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דִי אַלֶע אַרוּמִיגֶע נַארִישְׁקֵייטְן וָואס קוּמְט צוּ בַּיי דִי חֲתוּנוֹת, זֵיי וָואלְטְן גֶעמַאכְט אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע אֵיידֶעלֶע חֲתוּנָה, נִישְׁט מִיט אִיבְּרִיגֶע טֵייעֶרֶע עֶסְן און בְּלוּמֶען און אַזוֹי וַוייטֶער, וָואס קָאסְטְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט און גֵייט נָאכְדֶעם אִין מִיסְט, מְ׳וָואלְט נָאר גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל אִיבֶּערְבַּייס, און דֶערְנָאךְ

אויפְגֶעשְׁפִּילְט פְרֵיילִיכֶע מוּזִיק, אוּן גֶעלַאדֶענְט ווִי מֶער מֶענְטְשְׁן צוּ קוּמֶען טַאנְצְן אוּן מְשַׂמֵחַ זַיין דִי חָתָן כַּלָה.

מֶען קֶען מַאכְן אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע אוּן שְׁפָּארְזַאמֶע חֲתוּנָה, אִין אַ פָּשׁוּטֶע זַאל, אָן קַיין טֵייעֶרֶע אויסְגַאבְּן. מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען מֶען זִיךְ שְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, מֶען קֶען אַזוֹיפִיל אַרָאפְּשְׁנַיידְן פוּן דִי הוֹצָאוֹת וָואס עֶס אִיז הַיינְט אַיינְגֶעפִירְט בַּיי חֲתוּנוֹת. אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען רוּאִיג חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אָן קַיין דַאֲגוֹת, דִי קִינְדֶער מִיט דִי עֶלְטֶערְן צוּגְלַייךְ וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶה זַיין, אוּן נִישְׁט דַארְפְן פַארְזִינְקֶען וֶוערְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת.

דָאס הֵייסְט ״אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה״, מְ׳מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער נָאר צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה׳, אוּן דַאן אִיז יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן מְ׳אִיז זוֹכֶה נָאכְדֶעם צוּ זֶען פִיל אִידִישׁ

נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, מִיט פִיל שִׂמְחָה אוּן גְלִיק.

## ג

## לַאדֶענֶען אָרֶעמֶעלַייט צוּ דִי שִׂמְחָה

אוֹיבּ ווִילְט אִיר הָאבְּן "אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה", זָאלְט אִיר אַיינְלַאדֶענֶען אוּן אַרַיינְלָאזְן ווִי מֶער אָרֶעמֶעלַייט צוּ דִי שִׂמְחָה. בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט אַן אָרֶעמַאן, וֶוען מְ'לַאדְנְט אֵיין אָרֶעמֶעלַייט צוּ אַ שִׂמְחָה, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַאר דִי נֵייעֶ קָאפְּל. אוּן פַארְקֶערְט, אוֹיבּ מְ'פַארְטְרַייבְּט אָרֶעמֶעלַייט פוּן אַ שִׂמְחָה, בְּרֶענְגְט דָאס שְׁוֶועֶרֶע עוֹנְשִׁים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, סֵיי פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן סֵיי פַאר דִי חָתָן כַּלָה.

# אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קנ״ו:), רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶר הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז אִינֶעם טָאג וָואס זִי וֶועט גֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, וֶועט אִיר אַ שְׁלַאנְג בַּייסְן אוּן זִי וֶועט שְׁטַארְבְּן, אוּן רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאזָארְגְט דֶערְוֶועגְן.

אִין דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה, וֶוען זִי אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט זִי גֶענוּמֶען אִיר שְׁפִּילְקֶע אוּן עֶס אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין דִי וַואנְט, אוּן סְ׳אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז זִי הָאט עֶס אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט פּוּנְקְט אִינֶעם אוֹיג פוּנֶעם שְׁלַאנְג וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען, אוּן מִיט דֶעם הָאט זִי אִים גֶע׳הַרְגְ׳ט. אִינְדֶערְפְרִי וֶוען זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט אִיר שְׁפִּילְקֶע פוּן דִי וַואנְט, הָאט זִיךְ מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם טוֹיטְן שְׁלַאנְג.

וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר אוּן גֶעזֶען ווִי זִי אִיז פְרֵיילִיךְ, לוּסְטִיג אוּן לֶעבֶּעדִיג, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס זִי הָאט גֶעטוּן נֶעכְטְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, הָאט זִי דֶערְצֵיילְט, "נֶעכְטְן פַאְרְנַאכְטְס בַּיי דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעקוּמֶען אַן אָרֶעמַאן צוּם טִיר, יֶעדֶער אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט דִי סְעוּדָה, אַז קֵיינֶער הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז עֶר אִיז דָארְט, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶענוּמֶען מַיין פָּארְצִיֶע אוּן אִים עֶס אַהִינְגֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן".

וֶוען רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט, "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין, הָאסְט גֶעטוּן אַ מִצְוָה, אוּן דָאס הָאט דִיר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט". אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶע'דַרְשְׁנְ'ט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי י', ב') "וּצְדָקָה תַּצִּיל מִמָּוֶת", צְדָקָה רַאטֶעוֶועט פוּן

טויט, און נִישְׁט נָאר פון אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, נָאר עֶס רַאטֶעוֶועט פָּשׁוּט פון שְׁטַארְבְּן.

זֶעט מֶען פון דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פון אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן צְדָקָה בַּיי אַ חֲתוּנָה, וָואס דָאס רַאטֶעוֶועט פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה קוּמֶען אָן גֶעוֶוענְלִיךְ אַסַאךְ אָרֶעמֶעלַייט און גֶעלְט גֵייעֶרְס, און לֵיידֶער זֶענֶען דָא מְחוּתָּנִים וָואס וֶוערְן זֵייעֶר נֶערְוֶועז פון דֶעם, מְ'שְׁרֵייט זֵיי אָן, מְ'שִׁיקְט זֵיי אַרוֹיס, און זִיכֶער נֶעמְט מֶען זֵיי נִישְׁט אוֹיף שֵׁיין. דָאס אִיז אָבֶער אַ גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה, דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען אַז דִי נֵייעֶ קָאפְּל זָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, אָדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן קְרַאנְקֶע קִינְדֶער חַס וְשָׁלוֹם, אָדֶער אַנְדֶערֶע צָרוֹת און יִסוּרִים וָואס זֵיי קֶענֶען לַיידְן אִין לֶעבְּן דוּרְךְ דֶעם.

דֶערְפַאר, טֵייעֶרע מְחוּתָּנִים, הַאלְטְס דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ, אוֹיבּ זֶעט אִיר אַן אָרֶעמַאן אָדֶער אַ גֶעלְט גֵייעֶר וָואס קוּמְט אַרַיין צוּ דִי חֲתוּנָה, נֶעמְט זֵיי אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין, זַייט זֵיי מְכַבֵּד זִיךְ צוּ זֶעצְן בַּיים טִישׁ אוּן עֶסְן, גֶעבְּט זֵיי צְדָקָה, מַאכְט זֵיי גוּט שְׁפִּירְן, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוֹיפְ׳ן נֵייעֶם פָּאר-פָאלְק, אוּן דָאס וֶועט זֵיי הִיטְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא מִשְׁפָּטִים), "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: נַפְשׁוֹ שֶׁל עָנִי הָיְתָה מְפַרְכֶּסֶת לָצֵאת מִן הָרָעָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם אָרֶעמַאן הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיים אוֹיסְגֵיין פוּן הוּנְגֶער, וְנָתַתָּ לוֹ פְּרוּטָה וְהֶחֱיֵיתָ אוֹתוֹ. אוּן דוּ הָאסְט אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה אוּן אִים אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, חַיֶּיךָ, שֶׁאֲנִי מַחֲזִיר לְךָ נֶפֶשׁ תַּחַת נֶפֶשׁ, זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, לְמָחָר בִּנְךָ אוֹ בִתְּךָ

בָּאִין לִידֵי חֹלִי וְלִידֵי מִיתָה, אוֹיבּ סְ׳וֶועט זִיךְ מַאכְן
אַמָאל אַז דַיין זוּן אָדֶער טָאכְטֶער וֶועט קְרַאנְק וֶוערְן
אוּן הַאלְטְן בַּיים שְׁטַארְבְּן, וְאֶזְכֹּר אֲנִי לָהֶם אֶת הַמִּצְוָה
שֶׁעָשִׂיתָ עִם הֶעָנִי, וּמַצִּיל אֲנִי אוֹתָם מִן הַמִּיתָה״, וֶועל
אִיךְ זֵיי גֶעדֶענְקֶען דִי מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן מִיטְ׳ן
אָרֶעמַאן, אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן טוֹיט.

לָאמִיר נָאר אַבִּיסְל זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי שִׂיךְ פוּן
דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס גֵייט נָאךְ גֶעלְט, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען
זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר שְׁטֶערְט דִי שִׂמְחָה
אַז עֶר גֵייט דָא נָאךְ גֶעלְט, אַ מְחוּתָּן קֶען אִים אָנְשְׁרֵייעֶן
אוּן פַארְשֶׁעמֶען, ״גֵיי אַרְבֶּעטְן!״, אוּן אִים אַרוֹיסְשִׁיקְן
פוּן דִי חֲתוּנָה, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם נָאךְ מֶער אִים צוּ
שְׁלָאגְן אוּן אַרוֹיסְוַוארְפְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. לָאמִיר אָבֶּער
אַבִּיסְל טִיפֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין זַיין מֹחַ.

דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִינְדֶערְהֵיים אַ מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב. עֶר לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל וואוּ עֶר בַּאקוּמְט קוֹים עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת אַ וָואךְ, מִיט וָואס עֶר קֶען קוֹים קוֹיפְן בְּרוֹיט צוּ עֶסְן, אָדֶער אִיז עֶר אֶפְשָׁר אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט שׁוֹין נִישְׁט בַּאקוּמֶען זַיין גֶעהַאלְט פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, אוּן הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ שְׁפַּייזְן זַיינֶע קִינְדֶער. בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקֵייט אוּן קוּרַאזְשׁ אַרַיינְצוּגֵיין אִין זַאל, הָאט אִים גֶענוּמֶען זֵייעֶר לַאנְג, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ פוּן מֶענְטְשְׁן אַז עֶר דַארְף אַרוּמְגֵיין קְלוֹיבְּן נְדָבוֹת, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט קַיין צְוֵויי בְּרֵירוֹת, עֶר קֶען נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט. בִּיז עֶר זֶעט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אִין זַאל, רוֹיט פוּן בּוּשָׁה, אוּן בִּיז עֶר שְׁטְרֶעקְט שׁוֹין אוֹיס דִי הַאנְט, אוּן דַאן הוֹיבְּט עֶר גָאר אָן צוּ כַאפְּן בִּזְיוֹנוֹת, מְ׳שְׁרֵייט אִים אִים אָן אוּן מְ׳פַארְשֶׁעמְט אִים.

ווי קֶען זיךְ אַ מְחוּתָּן עֶרְלוֹיבְּן אַזַא רִשְׁעוּת צוּ פַארְשֶׁעמֶען און אַרוֹיסְשִׁיקְן אַ גֶעלְט גֵייעֶר?! פַאר אַלֶעס איז דָא גֶענוּג גֶעלְט; פַאר נַארִישֶׁע בְּלוּמֶען, פַארְ׳ן בִּילְדֶער כַאפֶּער, פַאר אִיבְּרִיגֶע טֵייעֶרֶע עֶסְן, און אַזוֹי וַוייטֶער פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן, און וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַן אָרֶעמֶען אִיד צוּ קֶענֶען לֵייגְן בְּרוֹיט אוֹיפְ׳ן טִישׁ פַאר הוּנְגֶערִיגֶע קִינְדֶער, צוּ קֶענֶען אַייְנְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט דִי פָּאר קַארְגֶע דָאלֶער; ווִי פַּאסְט זִיךְ דָאס?

זֶעט און לֵיינְט דִי מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (הַקְדָמָה י:), "וֶוער ס׳פְרֵיידְט זִיךְ אִין דִי יָמִים טוֹבִים, און עֶר גֶעבְּט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אוֹיףְ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער חֵלֶק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז צוּ דֶערְפְרֵייעֶן אָרֶעמֶעלַייט לוֹיט ווִיפִיל מְ׳קֶען, קוּמְט דַאן

דֶער שָׂטָן וָואס הָאט פַיינְט דֶעם מֶענְטְשׁ, און אִיז מְקַטְרֵג אויף אִים, און עֶר מַאכְט אִים אָן אַסַאךְ צָרוֹת.

וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין דִי יָמִים טוֹבִים צוּ קוּקְן אוֹיבּ מְ׳גֶעבְּט פַּאר דִי אָרֶעמֶעלַייט, וָואס זֶענֶען זַיינֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע כֵּלִים, און וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין און זֶעט אַז סְ׳אִיז נִישְׁטָא וֶוער סְ׳זָאל זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל, און עֶר גֵייט אַרוֹיף און עֶר וִויל חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט.

דֶעמָאלְט זֶענֶען אַלֶע מַלְאָכִים און דִי גַאנְצֶע פָּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה מְקַטְרֵג אויף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אויף דִי אָרֶעמֶעלַייט, און זֵיי זָאגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דָאךְ נָאר גֶעבּוֹיעֶט אויף חֶסֶד, און דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט און טְרוּנְקְט און עֶר וִויל גָארְנִישְׁט גֶעבְּן פַּאר דִי אָרֶעמֶעלַייט״, דָאס בְּרֶענְגְט אויף דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע דִינִים און שְׁטְרָאפְן.

וֶוער אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס הָאט גֶעטוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּן דֶעסְט וֶועגְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בְּיוֹם הִגָּמֵל אֶת יִצְחָק, הָאט עֶר גֶערוּפְן אַלֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעלַאדֶענְט קַיין אָרֶעמֶעלַייט.

און מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַז בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה און שִׂמְחָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט, קוּמְט דֶער מְקַטְרֵג און עֶר קוּקְט אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיךְ גֶעטוּן גוּטְס מִיט אָרֶעמֶעלַייט, אוֹיב עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ אַיינְגֶעלַאדֶענְט. אוֹיב יָא, גֵייט דֶער מְקַטְרֵג אַוֶועק, עֶר גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין דֶעם הוֹיז. אוֹיב אָבֶער זֶעט עֶר אַ שִׂמְחָה אִין אַ הוֹיז, און סְ'אִיז נִישְׁטָא דָארְט קַיין אָרֶעמֶעלַייט, גֵייט עֶר אַרוֹיף אוֹיבְן און אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף דִי שִׂמְחָה.

װֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה פַּאר יִצְחָק, אִיז דֶער מְקַטְרֵג דֶעמָאלְט גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִיר פַּארְשְׁטֶעלְט װִי אַן אָרֶעמַאן, אוּן סְ'אִיז נִישְׁט גֶעװֶוען װֶוער סְ'זָאל קוּקְן אוֹיף אִים.

אַבְרָהָם אִיז גֶעװֶוען פַּארְנוּמֶען מִיט דִי קֶענִיגְן אוּן מִינִיסְטָארְן זֵיי מְקַרֵב צוּ זַיין אוּן זֵיי צוּ בַּאדִינֶען, שָׂרָה אִיז גֶעװֶוען פַּארְנוּמֶען צוּ זֵייגְן אַלֶע קִינְדֶער, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלוֹיבְּן אַז שָׂרָה הָאט טַאקֶע גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אַבְרָהָם אוּן שָׂרָה הָאבְּן סְתָּם גֶענוּמֶען אַ קִינְד פוּן דִי גַאס, דֶערְפַּאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז שָׂרָה הָאט גֶעזֵייגְט אַלֶע קִינְדֶער וָואס מְ'הָאט אִיר גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן דֶער מְקַטְרֵג אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט פַּארְשְׁטֶעלְט װִי אַן אָרֶעמַאן, אוּן וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעװֶוען אַזוֹי פַּארְנוּמֶען הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְט.

גְלַייךְ אִיז דֶער מְקַטְרֵג אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט אַז אַבְרָהָם אִיז דַיין לִיבְּהָאבֶּער, יֶעצְט הָאט עֶר אָבֶּער גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן פַאר דִיר אוּן גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר דִיר אֲפִילוּ נָאר אֵיין טוֹיבּ.

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט, וֶוער אִיז נָאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם. אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֶערִירְט פוּן דָארְט בִּיז וֶוען עֶר הָאט צֶעשְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען זַיין זוּן פַאר אַ קָרְבָּן, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז שָׂרָה זָאל שְׁטַארְבְּן פוּן דֶעם צַעַר פוּן אִיר זוּן. וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם גַאנְצְן צַעַר? אַלֶעס וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלַאדֶענְט קַיין אָרֶעמֶעלַייט צוּ דִי סְעוּדָה".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי זַאךְ, אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס הָאט זִיךְ דָאךְ מַמָּשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אָרֶעמֶעלַייט, זַיין גֶעצֶעלְט הָאט גֶעהַאט טִירְן פוּן אַלֶע פִיר זַייטְן אַז דֶער אָרֶעמַאן זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן אַרוּמְגֵיין בִּיז צוּ דִי טִיר, וַוייל עֶר הָאט אָבֶער גֶעמַאכְט דִי שִׂמְחָה פַאר יִצְחָק אוּן הָאט נִישְׁט גֶערוּפְן אָרֶעמֶעלַייט, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף אַז דִי גַאנְצֶע שִׂמְחָה אִיז צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן. וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן? מִיר דַארְפְן דָאךְ זִיכֶער זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין אַן אָרֶעמַאן, אוּן סְפֶּעצִיעֶל בַּיי אַ שִׂמְחָה.

מִיט דֶעם וָואס מְ׳הֶעלְפְט אַן אָרֶעמַאן, הֶעלְפְט מֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ל״ד, סִימָן ט׳), ״הֶעָנִי הַזֶּה עוֹמֵד עַל פִּתְחֲךָ וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד עַל יְמִינוֹ, דִּכְתִיב (תְּהִלִּים ק״ט, ל״א): כִּי יַעֲמֹד לִימִין אֶבְיוֹן, אִם נָתַתָּ

לוֹ דַע מִי שֶׁעוֹמֵד עַל יְמִינוֹ וְנוֹתֵן לְךָ שְׂכָרְךָ, וְאִם לֹא נָתַתָּ לוֹ דַע מִי שֶׁעוֹמֵד עַל יְמִינוֹ פּוֹרֵעַ מִמְּךָ, דִכְתִיב (שָׁם): לְהוֹשִׁיעַ מִשֹּׁפְטֵי נַפְשׁוֹ", דֶער אָרֶעמַאן שְׁטֵייט בַּיי דַיין טִיר, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט צוּ זַיין רֶעכְטֶע זַייט; אוֹיבּ גֶעבְּסְטוּ אִים, וֶועט דֶער וָואס שְׁטֵייט אוֹיף זַיין רֶעכְטֶע זַייט דִיר בַּאצָאלְן שָׂכָר, און אוֹיבּ גֶעבְּסְטוּ אִים נִישְׁט, וֶועט דֶער וָואס שְׁטֵייט אוֹיף זַיין רֶעכְטֶע זַייט דִיר בַּאשְׁטְרָאפְן חַס וְשָׁלוֹם.

אוֹיבּ ווִילְט אִיר הָאבְּן "אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה", אוֹיבּ ווִילְט אִיר אַז דֶער זִיווּג זָאל עוֹלֶה יָפֶה זַיין, זָאלְט אִיר לַאדֶענֶען אָרֶעמֶעלַייט, זֵיי מְקַרֵב זַיין, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְשִׁיקְן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ פוּן דִי שִׂמְחָה, און זִיכֶער נִישְׁט קַיין אָרֶעמַאן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז דָאךְ (גִיטִין נ"ה:) אַז צוּלִיבּ קַמְצָא און בַּר קַמְצָא אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן דֶער בֵּית

המקדש, דער גאנצער ביטערער חורבן בית המקדש האט פאסירט ווייל מ׳האט אוועקגעשיקט א מענטש פון א שמחה.

ווער ווייסט צי די פילע גיטין וואס פאסירן נעבעך היינט, אזויפיל יונגע פאר-פעלקער צעטיילן זיך קורצליך נאך די חתונה, קוים וואס זיי האבן חתונה געהאט און שוין האלטן זיי נאכ׳ן גט, ווער ווייסט צי דאס קומט נישט פון די הארבע עבירה אז מ׳האט פארטריבן אַרעמעלייט פון די חתונה מיט בזיונות. ספּעציעל ווען ס׳רעדט זיך פון חשובע אינגעלייט, תלמידי חכמים, כולל אינגעלייט, מלמדים, וואס האבן ממש נישט מיט וואס צו שפייזן זייער פאמיליע, און מ׳האט זיי נעבעך פארשעמט און פארטריבן פון די חתונה, מ׳קען דאך נישט מוחל זיין אויף אזא זאך, און דאס שאדט זיכער אז דער זיווג זאל נישט עולה יפה

זַיין, מְ׳זָאל זִיךְ גֶט׳ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָדֶער אַז עֶס זָאלְן קוּמֶען נֶעבֶּעךְ קְרַאנְקֶע קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערְפַאר לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מִיר וֶועלְן לַאדֶענֶען וִוי מֶער אָרֶעמֶעלַייט צוּ דִי שִׂמְחָה, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ סְ׳קוּמֶען אָן אָרֶעמֶעלַייט זָאל מֶען זֵיי נִישְׁט אַוֶועקְשִׁיקְן, נָאר זֵיי מְקָרֵב זַיין, גֶעבְּן צוּ עֶסְן, אוּן גֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע נְדָבָה, אוּן דַאן וֶועט עֶס טַאקֶע זַיין ״אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה״.

סְ׳אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, זֵיי זֶענֶען דִי בַּאלִיבְּטֶע כֵּלִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (וַיֵרָא ק״ד.), ״בְּשַׁעֲתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לֵיהּ לְבַר נָשׁ, מְשַׁדֵר לֵיהּ דוֹרוֹנָא, וּמַאן אִיהוּ, מִסְכֵּנָא״, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ, שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה, אוּן וָואס אִיז דִי מַתָּנָה? אַן אָרֶעמַאן!

דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְדָקָה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, אַזוֹי וַוייט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ זוּטָא, פֶּרֶק א׳) **"גְדוֹלָה צְדָקָה, שֶׁהִיא מַעֲלָה אֶת הַנְשָׁמָה וְנוֹתְנָהּ תַּחַת כִּסֵא הַכָּבוֹד"**, צְדָקָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶס טְרָאגְט אַרוֹיף דִי נְשָׁמָה בִּיז צוּם כִּסֵא הַכָּבוֹד.

דֶערְפַאר, וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אַן אָרֶעמַאן צוּ דִי חֲתוּנָה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, אִיר זָאלְט טַאנְצְן מִיט אִים אוּן אִים דֶערְפְרֵייעֶן, אוּן אִיר זָאלְט אִים הֶעלְפְן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, זִיכֶער מַאכְן אַז עֶר אִיז שֵׁיין מַצְלִיחַ, אוּן דַאן וֶועט אִיר קֶענֶען זַיין זִיכֶער אַז סְ'וֶועט זַיין "אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה", דֶער זִיווּג וֶועט עוֹלֶה יָפָה זַיין, אוּן סְ'וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, צַדִיקִים אוּן צִדְקָנִיּוֹת, אוּן מְ'וֶועט שֶׁעפְּן פוּן זֵיי הוֹיפֶענֶעס נַחַת דִקְדוּשָׁה.

## אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָה

וואוֹיל איִז דֶעם וָואס נֶעמְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער איִן הַארְץ אַרַיין, וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג זַיין נָאר גוּט.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵ-ל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# סֵדֶר בִּרְכַּת הַמָּזוֹן

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת. בְּשׁוּב יְהֹוָה אֶת שִׁיבַת צִיּוֹן הָיִינוּ כְּחֹלְמִים: אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ וּלְשׁוֹנֵנוּ רִנָּה. אָז יֹאמְרוּ בַגּוֹיִם הִגְדִּיל יְהֹוָה לַעֲשׂוֹת עִם אֵלֶּה: הִגְדִּיל יְהֹוָה לַעֲשׂוֹת עִמָּנוּ. הָיִינוּ שְׂמֵחִים: שׁוּבָה יְהֹוָה אֶת שְׁבִיתֵנוּ כַּאֲפִיקִים בַּנֶּגֶב: הַזֹּרְעִים בְּדִמְעָה בְּרִנָּה יִקְצֹרוּ: הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה נֹשֵׂא מֶשֶׁךְ הַזָּרַע. בֹּא יָבֹא בְרִנָּה. נֹשֵׂא אֲלֻמֹּתָיו:

הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן לְקַיֵּם מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל בִּרְכַּת הַמָּזוֹן שֶׁנֶּאֱמַר, וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ, עַל הָאָרֶץ הַטּוֹבָה, אֲשֶׁר נָתַן לָךְ:

המזמן אומר: רַבּוֹתַי. מִיר וֶוילְן בֶּענְטְשְׁן:

המסובים עונים: יְהִי שֵׁם יְהֹוָה מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

המזמן חוזר: יְהִי שֵׁם יְהֹוָה מְבֹרָךְ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם:

המזמן אומר: בִּרְשׁוּת מָרָנָן וְרַבּוֹתַי נְבָרֵךְ (אֱלֹהֵינוּ) שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:

המסובים אומרים: בָּרוּךְ (אֱלֹהֵינוּ) שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ:

המזמן חוזר: בָּרוּךְ (אֱלֹהֵינוּ) שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ:

## ברכת המזון לנשואין

דְּוַי הָסֵר וְגַם חָרוֹן, וְאָז אִלֵּם בְּשִׁיר יָרוֹן, נְחֵנוּ בְּמַעְגְּלֵי צֶדֶק, שְׁעֵה בִּרְכַּת יְשׁוּרוּן, בְּנֵי אַהֲרֹן:

בִּרְשׁוּת מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי, נְבָרֵךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁהַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ, וְשֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:

ועונין המסובין

בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁהַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ. וְשֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ. וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ:

והמזמן חוזר

בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁהַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ. וְשֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ. וּבְטוּבוֹ חָיִינוּ:

## ברכת המזון לברית מילה

נוֹדֶה לְשִׁמְךָ בְּתוֹךְ אֱמוּנַי. בְּרוּכִים אַתֶּם לַיהֹוָה: בִּרְשׁוּת אֵל אָיוֹם וְנוֹרָא. מִשְׂגָּב לְעִתּוֹת בַּצָּרָה. אֵל נֶאְזָר בִּגְבוּרָה. אַדִּיר בַּמָּרוֹם יְהֹוָה: נודה

בִּרְשׁוּת הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. טְהוֹרָה הִיא וְגַם פְּרוּשָׁה. צִוָּה לָנוּ מוֹרָשָׁה. מֹשֶׁה עֶבֶד יְהֹוָה: נודה

בִּרְשׁוּת הַכֹּהֲנִים וְהַלְוִיִּם. אֶקְרָא לֵאלֹהֵי הָעִבְרִיִּים. אֲהוֹדֶנּוּ בְּכָל אִיִּים. אֲבָרְכָה אֶת יְהֹוָה: נודה

בִּרְשׁוּת מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי. אֶפְתְּחָה בְּשִׁיר פִּי וּשְׂפָתַי. וְתֹאמַרְנָה עַצְמוֹתַי. בָּרוּךְ הַבָּא בְּשֵׁם יְהֹוָה: נודה

בִּרְשׁוּת מָרָנָן וְרַבּוֹתַי נְבָרֵךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁאָכַלְנוּ מִשֶּׁלּוֹ:

בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ

# בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. הַזָּן אֶת הָעוֹלָם כֻּלּוֹ. בְּטוּבוֹ בְּחֵן בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים. הוּא נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר. כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ. וּבְטוּבוֹ הַגָּדוֹל תָּמִיד לֹא חָסַר לָנוּ וְאַל יֶחְסַר לָנוּ מָזוֹן לְעוֹלָם וָעֶד. בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל. כִּי הוּא אֵל זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל וּמֵטִיב לַכֹּל וּמֵכִין מָזוֹן לְכָל בְּרִיּוֹתָיו אֲשֶׁר בָּרָא. כָּאָמוּר. פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן: בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה. הַזָּן בְּרַחֲמָיו אֶת הַכֹּל:

נוֹדֶה לְּךָ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ. עַל שֶׁהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה. וְעַל שֶׁהוֹצֵאתָנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם. וּפְדִיתָנוּ מִבֵּית עֲבָדִים. וְעַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ. וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ. וְעַל חֻקֶּיךָ שֶׁהוֹדַעְתָּנוּ. וְעַל חַיִּים חֵן וָחֶסֶד שֶׁחוֹנַנְתָּנוּ. וְעַל אֲכִילַת מָזוֹן שָׁאַתָּה זָן וּמְפַרְנֵס אוֹתָנוּ תָּמִיד. בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה:

בחנוכה ובפורים אומרים זה

וְעַל הַנִּסִּים וְעַל הַפֻּרְקָן וְעַל הַגְּבוּרוֹת וְעַל הַתְּשׁוּעוֹת וְעַל הַנִּפְלָאוֹת וְעַל הַנֶּחָמוֹת וְעַל הַמִּלְחָמוֹת. שֶׁעָשִׂיתָ לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה:

לחנוכה

בִּימֵי מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל חַשְׁמוֹנָאִי וּבָנָיו. כְּשֶׁעָמְדָה מַלְכוּת יָוָן הָרְשָׁעָה עַל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל. לְהַשְׁכִּיחָם תּוֹרָתֶךָ וּלְהַעֲבִירָם מֵחֻקֵּי רְצוֹנֶךָ. וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים. עָמַדְתָּ לָהֶם בְּעֵת צָרָתָם. רַבְתָּ אֶת רִיבָם. דַּנְתָּ אֶת דִּינָם. נָקַמְתָּ אֶת נִקְמָתָם. מָסַרְתָּ גִבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים. וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים. וּטְמֵאִים בְּיַד טְהוֹרִים. וּרְשָׁעִים בְּיַד צַדִּיקִים. וְזֵדִים בְּיַד עוֹסְקֵי תוֹרָתֶךָ. וּלְךָ עָשִׂיתָ שֵׁם גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ בְּעוֹלָמֶךָ. וּלְעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל עָשִׂיתָ תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה וּפֻרְקָן כְּהַיּוֹם הַזֶּה. וְאַחַר כַּךְ בָּאוּ בָנֶיךָ לִדְבִיר בֵּיתֶךָ. וּפִנּוּ אֶת הֵיכָלֶךָ. וְטִהֲרוּ אֶת מִקְדָּשֶׁךָ. וְהִדְלִיקוּ נֵרוֹת בְּחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ. וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת (יָמִים אֵלּוּ בְּהַלֵּל וּבְהוֹדָאָה וְעָשִׂיתָ עִמָּהֶם נֵס וָפֶלֶא וְנוֹדֶה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל סֶלָה) יְמֵי חֲנֻכָּה אֵלּוּ. לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל:

לפורים

בִּימֵי מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה. כְּשֶׁעָמַד עֲלֵיהֶם הָמָן הָרָשָׁע. בִּקֵּשׁ לְהַשְׁמִיד לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד אֶת כָּל הַיְּהוּדִים. מִנַּעַר וְעַד זָקֵן. טַף וְנָשִׁים. בְּיוֹם אֶחָד. בִּשְׁלֹשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ שְׁנֵים עָשָׂר הוּא חֹדֶשׁ אֲדָר וּשְׁלָלָם לָבוֹז. וְאַתָּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים הֵפַרְתָּ אֶת עֲצָתוֹ. וְקִלְקַלְתָּ אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ. וַהֲשֵׁבוֹתָ לוֹ גְּמוּלוֹ בְּרֹאשׁוֹ. וְתָלוּ אוֹתוֹ וְאֶת בָּנָיו עַל הָעֵץ. (וְעָשִׂיתָ עִמָּהֶם נֵס וָפֶלֶא וְנוֹדֶה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל סֶלָה:

וְעַל הַכֹּל יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ אֲנַחְנוּ מוֹדִים לָךְ וּמְבָרְכִים אוֹתָךְ. יִתְבָּרַךְ שִׁמְךָ בְּפִי כָּל חַי תָּמִיד לְעוֹלָם וָעֶד: כַּכָּתוּב. וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ: בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה. עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמָּזוֹן:

רַחֵם נָא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ. וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ. וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ. וְעַל מַלְכוּת בֵּית דָּוִד מְשִׁיחֶךָ. וְעַל הַבַּיִת הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ שֶׁנִּקְרָא שִׁמְךָ עָלָיו: אֱלֹהֵינוּ. אָבִינוּ. רְעֵנוּ זוּנֵנוּ פַּרְנְסֵנוּ וְכַלְכְּלֵנוּ וְהַרְוִיחֵנוּ. וְהַרְוַח לָנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מְהֵרָה מִכָּל צָרוֹתֵינוּ. וְנָא אַל תַּצְרִיכֵנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ לֹא לִידֵי מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם וְלֹא לִידֵי הַלְוָאָתָם. כִּי אִם לְיָדְךָ הַמְּלֵאָה. הַפְּתוּחָה. הַקְּדוֹשָׁה וְהָרְחָבָה. שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּלֵם לְעוֹלָם וָעֶד:

---

לשבת:

רְצֵה וְהַחֲלִיצֵנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ וּבְמִצְוַת יוֹם הַשְּׁבִיעִי הַשַּׁבָּת הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ הַזֶּה כִּי יוֹם זֶה גָּדוֹל וְקָדוֹשׁ הוּא לְפָנֶיךָ לִשְׁבָּת בּוֹ וְלָנוּחַ בּוֹ בְּאַהֲבָה כְּמִצְוַת רְצוֹנֶךָ וּבִרְצוֹנְךָ הָנִיחַ לָנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ שֶׁלֹּא תְהֵא צָרָה וְיָגוֹן וַאֲנָחָה בְּיוֹם מְנוּחָתֵנוּ וְהַרְאֵנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּנֶחָמַת צִיּוֹן עִירֶךָ וּבְבִנְיַן יְרוּשָׁלַיִם עִיר קָדְשֶׁךָ כִּי אַתָּה הוּא בַּעַל הַיְשׁוּעוֹת וּבַעַל הַנֶּחָמוֹת:

לראש חודש ומועדים:

אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ יַעֲלֶה וְיָבֹא וְיַגִּיעַ וְיֵרָאֶה וְיֵרָצֶה וְיִשָּׁמַע וְיִפָּקֵד וְיִזָּכֵר זִכְרוֹנֵנוּ וּפִקְדוֹנֵנוּ וְזִכְרוֹן אֲבוֹתֵינוּ וְזִכְרוֹן מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד עַבְדֶּךָ וְזִכְרוֹן יְרוּשָׁלַיִם עִיר קָדְשֶׁךָ וְזִכְרוֹן כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל לְפָנֶיךָ לִפְלֵיטָה לְטוֹבָה לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם בְּיוֹם

| לר״ח | לסוכות | לפסח | לשמ״ע ולש״ת | לשבועות | לראש השנה |
|---|---|---|---|---|---|
| רֹאשׁ הַחֹדֶשׁ | חַג הַסֻּכּוֹת | חַג הַמַּצּוֹת | שְׁמִינִי עֲצֶרֶת הַחַג | חַג הַשָּׁבֻעוֹת | הַזִּכָּרוֹן |

הַזֶּה זָכְרֵנוּ יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בּוֹ לְטוֹבָה וּפָקְדֵנוּ בוֹ לִבְרָכָה וְהוֹשִׁיעֵנוּ בוֹ לְחַיִּים טוֹבִים. וּבִדְבַר יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים חוּס וְחָנֵּנוּ וְרַחֵם עָלֵינוּ וְהוֹשִׁיעֵנוּ כִּי אֵלֶיךָ עֵינֵינוּ כִּי אֵל מֶלֶךְ חַנּוּן וְרַחוּם אָתָּה:

---

**וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ. בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה. בּוֹנֵה בְרַחֲמָיו יְרוּשָׁלָיִם. אָמֵן:**

**בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם. הָאֵל. אָבִינוּ. מַלְכֵּנוּ. אַדִּירֵנוּ. בּוֹרְאֵנוּ. גּוֹאֲלֵנוּ. יוֹצְרֵנוּ. קְדוֹשֵׁנוּ קְדוֹשׁ יַעֲקֹב. רוֹעֵנוּ רוֹעֵה יִשְׂרָאֵל. הַמֶּלֶךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב לַכֹּל. שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הוּא הֵטִיב הוּא מֵטִיב**

הוּא יֵיטִיב לָנוּ. הוּא גְמָלָנוּ הוּא גוֹמְלֵנוּ הוּא יִגְמְלֵנוּ לָעַד לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים וּלְרֶוַח. הַצָּלָה וְהַצְלָחָה. בְּרָכָה וִישׁוּעָה. נֶחָמָה. פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה. וְרַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם וְכָל טוֹב. וּמִכָּל טוּב לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ:

הָרַחֲמָן הוּא יִמְלֹךְ עָלֵינוּ לְעוֹלָם וָעֶד: הָרַחֲמָן הוּא יִתְבָּרַךְ בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ: הָרַחֲמָן הוּא יִשְׁתַּבַּח לְדוֹר דּוֹרִים. וְיִתְפָּאַר בָּנוּ לָעַד וּלְנֵצַח נְצָחִים. וְיִתְהַדַּר בָּנוּ לָעַד וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים: הָרַחֲמָן הוּא יְפַרְנְסֵנוּ בְּכָבוֹד: הָרַחֲמָן הוּא יִשְׁבֹּר עֻלֵּנוּ מֵעַל צַוָּארֵנוּ וְהוּא יוֹלִיכֵנוּ קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ: הָרַחֲמָן הוּא יִשְׁלַח לָנוּ בְּרָכָה מְרֻבָּה בַּבַּיִת הַזֶּה וְעַל שֻׁלְחָן זֶה שֶׁאָכַלְנוּ עָלָיו: הָרַחֲמָן הוּא יִשְׁלַח לָנוּ אֶת אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָכוּר לַטּוֹב וִיבַשֶּׂר לָנוּ בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת:

הָרַחֲמָן הוּא יְבָרֵךְ אֶת (אָבִי מוֹרִי) בַּעַל הַבַּיִת הַזֶּה וְאֶת (אִמִּי מוֹרָתִי) בַּעֲלַת הַבַּיִת הַזֶּה. אוֹתָם וְאֶת בֵּיתָם וְאֶת זַרְעָם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָהֶם. (אם הוא נשוי יאמר: אוֹתִי וְאֶת אִשְׁתִּי ואם יש לו בנים ובנות יאמר ג״כ: וְאֶת זַרְעִי, וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לִי), אוֹתָנוּ

וְאֶת כָּל אֲשֶׁר לָנוּ. כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּרְכוּ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, בַּכֹּל. מִכֹּל. כֹּל. כֵּן יְבָרֵךְ אוֹתָנוּ כֻּלָּנוּ יַחַד בִּבְרָכָה שְׁלֵמָה. וְנֹאמַר אָמֵן:

## מִמָּרוֹם יְלַמְּדוּ עֲלֵיהֶם וְעָלֵינוּ זְכוּת שֶׁתְּהֵא לְמִשְׁמֶרֶת שָׁלוֹם. וְנִשָּׂא בְרָכָה מֵאֵת יְהֹוָה. וּצְדָקָה מֵאֱלֹהֵי יִשְׁעֵנוּ. וְנִמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם:

---

לברית מילה אחר בעיני אלהים ואדם יאמר זה:

הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ אֲבִי הַיֶּלֶד וְאִמּוֹ, וְיִזְכּוּ לְגַדְּלוֹ וּלְחַנְּכוֹ וּלְחַכְּמוֹ, מִיּוֹם הַשְּׁמִינִי וָהָלְאָה יֵרָצֶה דָמוֹ, וִיהִי יְיָ אֱלֹהָיו עִמּוֹ: אמן

הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ בַּעַל בְּרִית הַמִּילָה, אֲשֶׁר שָׂשׂ לַעֲשׂוֹת צֶדֶק בְּגִילָה, וִישַׁלֵּם פָּעֳלוֹ וּמַשְׂכֻּרְתּוֹ כְּפוּלָה, וְיִתְּנֵהוּ לְמַעְלָה לְמָעְלָה: אמן

הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ רַךְ הַנִּמּוֹל לִשְׁמוֹנָה, וְיִהְיוּ יָדָיו וְלִבּוֹ לָאֵל אֱמוּנָה, וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה: אמן

הָרַחֲמָן, הוּא יְבָרֵךְ הַמָּל בְּשַׂר הָעָרְלָה, וּפָרַע וּמָצַץ דְּמֵי הַמִּילָה, אִישׁ הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב יֵרָצֶה עֲבוֹדָתוֹ כְּשֵׁרָה. אִם שְׁלָשׁ אֵלֶּה יַעֲשֶׂה לָהּ: אמן

הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁלַח לָנוּ מְשִׁיחוֹ הוֹלֵךְ תָּמִים, בִּזְכוּת חֲתַן לַמּוּלוֹת דָּמִים, לְבַשֵּׂר בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת וְנִחוּמִים, לְעַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים: אמן

הָרַחֲמָן, הוּא יִשְׁלַח לָנוּ כֹּהֵן צֶדֶק אֲשֶׁר לֻקַּח לְעֵילוֹם, עַד הוּכַן כִּסְאוֹ כַּשֶּׁמֶשׁ וְיָהֲלוֹם, וַיָּלֶט פָּנָיו בְּאַדַּרְתּוֹ וַיִּגְלוֹם, בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם: אמן

הרחמן הוא יזכנו לימות המשיח וכו׳

לשבת: הָרַחֲמָן הוּא יַנְחִילֵנוּ יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת וּמְנוּחָה לְחַיֵּי הָעוֹלָמִים:

לראש חדש: הָרַחֲמָן הוּא יְחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה:

ליום טוב: הָרַחֲמָן הוּא יַנְחִילֵנוּ יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב:

לראש השנה: הָרַחֲמָן הוּא יְחַדֵּשׁ עָלֵינוּ אֶת הַשָּׁנָה הַזֹּאת לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה:

לסוכות: הָרַחֲמָן הוּא יָקִים לָנוּ אֶת סֻכַּת דָּוִד הַנּוֹפָלֶת:

הָרַחֲמָן הוּא יְזַכֵּנוּ לִבִיאַת הַמָּשִׁיחַ וּלְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא: מַגְדִּיל (לשבת יו״ט חוה״מ ור״ח אומר: מִגְדּוֹל) יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד עוֹלָם: עֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו הוּא יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל וְאִמְרוּ אָמֵן:

יְראוּ אֶת יְהֹוָה קְדוֹשָׁיו כִּי אֵין מַחְסוֹר לִירֵאָיו: כְּפִירִים רָשׁוּ וְרָעֵבוּ וְדוֹרְשֵׁי יְהֹוָה לֹא יַחְסְרוּ כָל טוֹב: הוֹדוּ לַיהֹוָה כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן: בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּיהֹוָה וְהָיָה יְהֹוָה מִבְטַחוֹ: נַעַר הָיִיתִי גַּם זָקַנְתִּי וְלֹא רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ לָחֶם: יְהֹוָה עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְהֹוָה יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם:

# סֵדֶר בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה

## בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם עַל

על מזונות

**הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה**

על פירות משבעת המינים

**הָעֵץ וְעַל פְּרִי הָעֵץ**

על היין

**הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן**

על מזונות ויין ביחד

**הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה וְעַל הַגֶּפֶן וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן**

**וְעַל תְּנוּבַת הַשָּׂדֶה וְעַל אֶרֶץ חֶמְדָּה טוֹבָה וּרְחָבָה שֶׁרָצִיתָ וְהִנְחַלְתָּ לַאֲבוֹתֵינוּ לֶאֱכֹל מִפִּרְיָהּ וְלִשְׂבּוֹעַ מִטּוּבָהּ, רַחֵם נָא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ עַל יִשְׂרָאֵל עַמֶּךָ וְעַל יְרוּשָׁלַיִם עִירֶךָ וְעַל צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ וְעַל מִזְבְּחֶךָ וְעַל הֵיכָלֶךָ, וּבְנֵה יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ וְהַעֲלֵנוּ לְתוֹכָהּ וְשַׂמְּחֵנוּ בְּבִנְיָנָהּ וְנֹאכַל מִפִּרְיָהּ וְנִשְׂבַּע מִטּוּבָהּ וּנְבָרֶכְךָ עָלֶיהָ בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה:**

בשבת: וּרְצֵה וְהַחֲלִיצֵנוּ בְּיוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה:

בראש חודש: וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם רֹאשׁ הַחֹדֶשׁ הַזֶּה:

ביום טוב: וְשַׂמְּחֵנוּ בְּיוֹם חַג (פלוני) הַזֶּה:

בראש השנה: וְזָכְרֵנוּ לְטוֹבָה בְּיוֹם הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה:

**כִּי אַתָּה יְהֹוָה טוֹב וּמֵטִיב לַכֹּל וְנוֹדֶה לְּךָ עַל הָאָרֶץ וְעַל**

על מזונות

הַמִּחְיָה: בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה:

על הפירות

הַפֵּרוֹת: בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה עַל הָאָרֶץ וְעַל הַפֵּרוֹת:

על היין

פְּרִי הַגֶּפֶן: בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה עַל הָאָרֶץ וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן:

על מזונות ויין ביחד

הַמִּחְיָה וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן: בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמִּחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן:

**בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת רַבּוֹת וְחֶסְרוֹנָן עַל כָּל מַה שֶּׁבָּרָאתָ לְהַחֲיוֹת בָּהֶם נֶפֶשׁ כָּל חָי: בָּרוּךְ חַי הָעוֹלָמִים:**

# סֵדֶר שֶׁבַע בְּרָכוֹת

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, שֶׁהַכֹּל בָּרָא לִכְבוֹדוֹ:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, יוֹצֵר הָאָדָם:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם בְּצַלְמוֹ, בְּצֶלֶם דְּמוּת תַּבְנִיתוֹ, וְהִתְקִין לוֹ מִמֶּנּוּ בִּנְיַן עֲדֵי עַד. בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה יוֹצֵר הָאָדָם:

**שׂוֹשׂ** תָּשִׂישׂ וְתָגֵל הָעֲקָרָה, בְּקִבּוּץ בָּנֶיהָ לְתוֹכָהּ בִּמְהֵרָה בְּשִׂמְחָה. בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה מְשַׂמֵּחַ צִיּוֹן בְּבָנֶיהָ:

**שַׂמֵּחַ** תְּשַׂמַּח רֵעִים אֲהוּבִים כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם. בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה מְשַׂמֵּחַ חָתָן וְכַלָּה:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּרָא שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, חָתָן וְכַלָּה, גִּילָה רִנָּה, דִּיצָה וְחֶדְוָה, אַהֲבָה וְאַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת, מְהֵרָה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ יִשָּׁמַע בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחוּצוֹת יְרוּשָׁלַיִם, קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה, קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה, קוֹל מִצְהֲלוֹת חֲתָנִים מֵחֻפָּתָם, וּנְעָרִים מִמִּשְׁתֵּה נְגִינָתָם, בָּרוּךְ אַתָּה יְהֹוָה מְשַׂמֵּחַ הֶחָתָן עִם הַכַּלָּה:

**בָּרוּךְ** אַתָּה יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן:

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com